בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בהר בחוקתי
כ"ב אייר תשפ"ג

☜ די צייטן לויט אופק ירושלים ☞

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:51 |
| מוצש"ק | 8:07 |
| ר"ת | 8:45 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:18 | סוז"ת א' | 9:44 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 10:16 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ל

## טיב המערכת

## –♦ דאס שווערקייט פונעם גלות – אויב עס איז חלילה נישטא קיין אחדות ♦–

איינע פון די קללות וואס שטייען אין די פרשה פון בחוקותי, איז "וְאֶתְכֶם אֱזָרֶה בַגּוֹיִם", און רש"י ערקלערט 'זו מדה קשה, שבשעה שבני מדינה גולים למקום אחד רואים זה את זה ומתנחמין', דאס מיינט אז דאס איז זייער א שווערע זאך, ווייל אויב מענטשן פונעם זעלבן ארט ווערן פארוואגלט צו אן אנדערע ארט, זעען זיי זיך איינער דעם אנדערן און זיי טרייסטן זיך, אבער אויב ווערן זיי צושפרייט אין אסאך ערטער איז דאס טאקע זייער א **געפערליכע** זאך. און עטליכע פסוקים דערנאך, זאגט דער פסוק 'וַאֲבַדְתֶּם בַּגּוֹיִם' און רש"י איז דארט מפרש 'כשתהיו פזורים תהיו אבודים זה מזה', איז משמע פון די ווערטער פון רש"י אז דער עיקר שווערקייט פונעם גלות איז וויבאלד אידישע קינדער זענען חלילה נישט פאראייניגט איינער מיטן אנדערן, און דאס איז דער עיקר פונעם גלות, אזוי ווי מיר וועלן זען פונעם פאלגנדן מעשה:

אינעם דור פאר אונז, איז געווען א חשוב'ער איד מיטן נאמען רבי ישראל קליין זצ"ל, וועלכער האט איבערגעלעבט די צווייטע וועלט-מלחמה. ביי די לויה פון רבי ישראל, איז דארט געשטאנען א איד **וועלכער האט ביטערליך** געוויינט. ווען מען האט אים געפרעגט ווער ער איז און פארוואס ער וויינט אזוי שטארק, האט ער דערציילט אז ווען ער איז געווען א בחור איז ער געווען אין איינע פון די גאר שווערע ארבעטס-לאגערן ביי די צווייטע וועלט-מלחמה. איין טאג, האט דער בחור געפילט אז זיינע כוחות האלטן עס מער נישט איבער. עס איז שוין געווען עטליכע טעג וואס קיין עסן איז נישט אריינגעקומען אין זיין מויל, און דאס שווערע ארבעט האט צובראכן זיין קערפער. **ער האט פראבירט זוכן אין די מיסטן עפעס א שטיקל קארטאפל שאלעכטס, אבער אויך דאס האט ער נישט געטראפן.**

פלוצלונג איז רבי ישראל קליין, וועלכער איז אויך געווען אינעם זעלבן לאגער, צוגעקומען צו אים און ער האט אים געזאגט: קיין ברויט אדער אנדערע עסנווארג דיר צו געבן האב איך טאקע נישט, **אבער וויסן זאלסטו אז עס איז דא מיט דיר אין לאגער א איד מיטן נאמען "ישראל קליין" וועלכער האט דיר ליב.** און אזוי רעדנדיג, האט ער אים הארציג ארומגענומען און אים געקושט, און דערביי האט ער אים שטארק מחזק געווען.

וויסן זאלט איר, האט דער איד אויסגעפירט מיט הייסע טרערן, אז דער קוש וואס רבי ישראל האט מיר דעמאלטס געגעבן, האט מיר מחזק געווען און געגעבן דעם שטופ צו קענען **דורכגיין אלע יסורים** און ארויסגיין בשלום פון אט דעם געפערליכן פלאץ.

מיר האבן נארוואס געפייערט דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר, ווען עס איז דא א געוואלדיגע אחדות צווישן אלע אידן בכל מקומות מושבותיהם ווי באוואוסט, און נאכדערצו ווי מיר האבן אליין זוכה געווען און געזען אין מירון, וואו אלע ערליי אידן האלטן זיך אן האנט ביי האנט און טאנצן צוזאמען לכבוד דעם הייליגן תנא. **אה, ווי שיין וואלט דאס געווען אויב דעם געוואלדיגן אחדות וואלט ווייטער געבליבן מיט אונז און וואלט אהיימגעקומען מיט אונז פארן גאנצן יאר.**

אבער, למעשה, איז עס טאקע מעגליך! עס ליגט אין אונזערע הענט! אפילו אויב מיר זענען נאך דערווייל נישט אויסגעלייזט פון גלות, אבער לאמיר כאטש אביסל פארגרינגערן דעם קושי השעבוד, דורכדעם וואס מיר וועלן זיין צוזאמען באחדות, און אויב מיר וועלן זיך אזוי פירן וועלן מיר דאך זיכער מקרב זיין די גאולה שלימה וואס וועט קומען אינגיכן בקרוב ממש.

(עפ"י טיב התורה - בחקותי)

## טיב הפרשה

## אמונה אין הקב"ה – דער שליסל צו די ברכה פון א איד

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון שמיטה. די תוה"ק זאגט פארן מענטש אז איינמאל אין זיבן יאר זאל ער איבערלאזן אין פעלד די אקער-אייזן און די שניט, און זיך פארלאזן אויף השי"ת, אז ער וועט אים שפייזן און באזארגן מיט אלע זיינע באדערפענישן וואס עס פעלט זיך אויס פאר אים אויף די וועלט.

דער געדאנק וואס ליגט אין די מצוה איז אמונה. די תוה"ק לערנט אויס פארן איד אמונה, אז ער זאל נישט פארגעסן ווער עס איז זיין אמת'ע שפייזער אויף די וועלט, פון וועמענס כח לעבט ער אייביג, אז אלעס וואס ער טוט אין די זעקס יאר איז נישט מכוחו, נאר פון הקב"ה, ווייל ער שפייזט אים אייביג.

די תוה"ק לייגט צו דערביי א ברכה אז ווער עס וועט זיך אזוי פירן וועט נישט דערלייגן פון די התנהגות נאר הקב"ה וועט אריינשיקן ביי אים א ברכה, אז ער וועט האבן אלעס וואס ער דארף, עס וועט אים גארנישט פעלן.

דער אמת איז אז די הבטחה פון 'וצויתי את ברכתי' אז הקב"ה וועט משפיע זיין פאר אידן זיין ברכה און אז ווער עס וועט אים אויספאלגן וועט זוכה זיין צו ברכת השם, איז נישט באגרעניצט צו די מצוה פון שמיטה. די תוה"ק שרייבט עס ביי שמיטה, ווייל דארט איז עס די מערסטע נוגע אבער עס איז על הכלל כולו יצא. ביי יעדע מצוה איז עס דא, ווייל אז מען פאלגט אויס וואס הקב"ה הייסט דערלייגט מען נישט, מען פארלירט נישט, פארקערט, מען פארדינט נאר.

די זאך איז נוגע צו יעדן איד אבער ביתר שאת איז עס נוגע צו די יושבי אוהל וואס האבן די זכיה אז זיי קענען זיצן און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט באהלה של תורה. די אידן זענען זוכה צו אן עקסטערע ברכה פון הימל אז זיי זעען ברכת השם און האבן פון אלעס גוטס אויף די וועלט, אפילו אן וואס זיי זאלן טון די השתדלות וואס זיי דארפן. די אידן זענען אין כלל פון די שומרי שמיטה, ווייל די שומרי שמיטה פלעגן אין די שמיטה יארן זיצן אין די שולן און לערנען תורה און נאך ביז היינט איז עס אזוי ביי די שומרי שמיטה און זיי האבן זוכה געווען צו די עקסטערע ברכה פון הקב"ה און עס איז זיכער אז די וואס זיצן אלע יארן אין די אהלה של תורה זענען זיכער זוכה אז די ברכה באגלייט זיי אייביג.

אויף די אידן וואס זענען עוסק אין מסחר דארפן זיין שטארק אין די אמונה און וויסן אז זייער ברכה קומט נישט פון די ארבעט נאר פון די שיעורי תורה וואס זיי לערנען טאג טעגליך, ווייל די קביעות עיתים לתורה וואס זיי לערנען איז ממשיך אויף זיי די ברכה.

די אידן האבן א שווערן יצר הרע. עס איז כמעט א שטענדיגע מלחמה. טאג טעגליך קומט צוגיין דער יצר הרע און ער לייגט אים אונטער שוועריגקייטן אז ער זאל

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

האבן תירוצים נישט צו קומען לערנען אין שול, ווייל ער איז טרוד על המחיה ועל הכלכלה.

ביי אזעלכע אידן פארלייגט זיך דער יצר הרע גאר שטארק אז זיי זאלן נישט קומען אין שול. ער רעדט זיי איין אז די הצלחה קומט פון די מסחר און אז זיי קענען נישט פארפעלן די ארבעט, ווייל אויב זיי וועלן פעלן וועלן זיי נישט האבן פון וואו צו לעבן, אבער עס איז א טעות, ווייל די ברכה ליגט דווקא אין דער קביעות עיתים, נאר אזוי קען א איד ממשיך זיין די ברכה פון הימל אין זיינע זאכן.

כדי די נקודה זאל אריינגיין אין די ביינער, פאדערט זיך פון יעדן איד אסאך הארעוואניע ביז ווען עס גייט אריין טיף טיף אין די הארץ פון א מענטש. דער מענטשליכער נאטור איז צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די בילד וואס ער זעט, און די בילד וואס ער זעט ווייזט אים ווי זיינע פעולות ברענגט אים די הצלחה, אבער דער אמת איז אז וואס מיר טוען איז נאר השתדלות, די ברכה קומט פון בורא כל העולמים און עס איז זינלאז אז דער מענטש זאל טראכטן אז פון אויפגעבן אויף עבודת השם וועט ער באקומען זיין ברכה ווייל וויאזוי קען ער זאגן אזוי ווען דארט ליגט דער מקור הברכה.

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו רעדן מיט א איד וועגן די נושא. מען האט גערעדט אז מען דארף זיך מער צופלייסן אין קביעות עיתים און אז דער דאווענען דארף זיין בעסער ווייל די ברכה קומט דאך פון דארט. דער איד האט מיר גע'טענה'ט אז ער ווייסט נישט וואס איך וויל פון אים, די פאקט ווייזט פארקערט. די טרוקענע מציאות ביי אים איז אז ער ארבעט אויף פרנסה און ער איז נישט קיין ערנסטע קובע עיתים לתורה און זיין דאווענען איז נישט באזונדער און ער האט פרנסה בהרחבה.

הערנדיג די שאלה האב איך געטראכט א רגע. איך האב געזוכט די ווערטער מיט וואס איך קען אים איבערצייגן אז ער גרייזט. מיט סייעתא דשמיא האט מיר דער רבוש"ע אריינגעשיקט א גוטער ענטפער פאר אים:

"צי האסטו אן עלעקטערישער אויון אין שטוב? א וואש מאשין וואס וואשט די וועש"? האב איך אים געפרעגט.

ער האט געשאקלט מיט די קאפ אויף יא. ווער האט דען נישט?

"צי ווייסטו פון וואו די מאשינען שעפן זייערע כוחות"?

"עס הייסט עלעקטעריק. זיי זענען צוגעבינדן צו די וואנט מיט דראטן און זיי שעפן ארויס עלעקטערישע כוחות פון וואנט".

"און וואס טראכסטו וועט געשען אויב מען וועט אויסשטעקן די מאשינען פון די וואנט"?

"עס וועט נישט ארבעטן".

"עס וועט זיין ווי א שטיק אייזן", האב איך צוגעלייגט.

ביי די גשמיות'דיגע זאכן איז עס אזוי פשוט, אבער ווען עס קומט צו דיר אליין פארשטייסטו עס נישט.

דו זאגסט אז די ארבעטסט און די ארבעט ברענגט דיר פרנסה און מיט די געלט שפייזטו דיין משפחה אבער דו פארגעסט אז דו ביסט צוגעבינדן צו די וואנט. נאר א דאנק וואס דער רבוש"ע געבט דיר די חיות קענסטו אנגיין מיט דיין ארבעט. אין די רגע וואס הקב"ה באשליסט אז ער גייט דיר אויסשטעקן פון וואנט איז דיין האנט און דיין מח א בלויזער שטיק פלייש...

און אז מען דאווענט און מען לערנט ווערט מען אנגעבינדן אין די חיות און דורכדעם קומט צוגיין די שפע.

ממש לעצטנס איז אריינגעקומען צו מיר א איד און זיך אויסגערעדט דאס הארץ. דער איד האט דערציילט אז ער גייט אריבער זייער ערנסטע שוועריגקייטן און ער טראגט עס נישט אריבער. דער איד האט מדגיש געווען אז ער איז נישט געקומען בעטן א ישועה, ער איז פשוט געקומען פון צובראכנקייט, ער וויל חיזוק, ער וויל איך זאל אים אויסקלארן די בילד, וויאזוי א איד, א מאמין, דארף אפלערנען דאס בילד און זיך מחזק זיין.

איך בין געווען אביסל פארלוירן. איך האב געטראכט צו מיר, וויאזוי קען איך אנהייבן זאגן פארן איד חיזוק ווען דער איד מאכט מיט אזויפיל שוועריגקייטן און יסורים. טראכטנדיג אזוי האט מיר הקב"ה אריינגעשיינט א געדאנק און איך האב זיך פארטראכט אויף די טישטוך וואס איז געלעגן אויסגעלייגט אויפן טיש.

"צי זעסטו די טישטוך"? האב איך אים געפרעגט.

דער איד האט געשאקלט מיטן קאפ אויף יא.

"און צי זעסטו אז די טישטוך איז געלעכערט"?

"יא".

"אבער עס איז א שיינער טישטוך".

ער האט צוגעשטימט, און איך האב אויסגעפירט אז ווען א פארשטענדליכער מענטש וואס איז באהאוונט אין טישטוכער זעט דעם טישטוך, פארשטייט ער אז אזוי קומט עס און אז די לעכער זענען א חלק פון די טישטוך און אז נאר מיט די לעכער אינדערמיט איז די טישטוך א שיינער זאך.

אבער לאמיר זיך פארשטעלן אז עס וועט דא אריינקומען א מענטש וואס פארשטייט נישט צו טישטוכער, און ער וועט זען דעם טישטוך און עס אנקוקן.

וואס וועט ער זען? ער וועט זען די לעכער און ער וועט זאגן אז עס איז א לעכעריגע זאך.

דער נמשל איז, אז די זעלבע איז מיט דער מענטש. דער לעבן פון א מענטש איז א לאנגער קייט פון געשעענישן. צומאל זענען די געשעענישן גוט און צומאל זעען זיי אויס נישט גוט און צומאל זענען זיי פול מיט יסורים, און ווען עס איז פול מיט יסורים געשעט אז דער מענטש פרעגט זיך די שאלה: וואס גייט דא פאר? פארוואס מאך איך אזויפיל מיט? אבער די שאלה פרעגט מען נאר אויף די וועלט, ווייל דא איז זייער שווער צו זיין א מבין אויף די טיפזיניגע דרכים פון הקב"ה, אויף די וועלט זענען מיר צוגעגליכן צו נארנים וואס אפילו אין א טישטוך האבן מיר נישט קיין הבנה, אבער ווען מיר וועלן אנקומען אויף יענע וועלט און מיר וועלן קענען זען און פארשטיין וואס עס טוט זיך דא וועלן מיר איינזען אז אלעס האט א חשבון און אז א טישטוך – אויך אויב עס איז לעכעריג – איז עס א שיינער טישטוך.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו די אמונה הטהורה און זוכה זיין ממשיך צו זיין שפע רב פון השי"ת און לעבן א גליקליכער לעבן פון תורה מיט אמונה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## רבי שמעון לַכֹּל

ווען איך האב זיך געגרייט אין יאר תשע"ב ארויסצופארן קיין מירון אויף ל"ג בעומר האב איך אויסגעשטעלט אז איך זאל קענען פארן מיט די גאנצע משפחה און אויך פארבלייבן דארט אויף שב"ק.

איך האב ברוך השם א משפחה פון קינדער און אזוי ווי איך האב געוואלט פארן מיט מיין אייגענע קאר קיין מירון און די גאנצע משפחה גייט נישט אריין אין איין קאר, האב איך געבעטן ביי מיינער א ידיד צי ער קען מיטנעמען מיט זיך צוויי קינדער.

דער איד האט מסכים געווען, אבער שפעטער האט ער מיר געזאגט אז צוליב א טויש קען ער נאר מיטנעמען איין קינד.

איך האב געזוכט א צווייטער איד וואס קען מיטנעמען מיין קינד, אבער איך האב נישט געטראפן. בלייבנדיג אזוי האב איך באשלאסן אז איך וועל נעמען דאס קינד מיט מיר און מען וועט זיצן אביסל צושטופט.

עס איז נישט געווען געשמאק די וועג אבער עס איז אריבער בשלום.

זייענדיג אונטערוועגנס האב איך גערעדט צו די קינדער איבער די גרויסקייט פון ל"ג בעומר און איבער וויאזוי ביי רבי שמעון קען מען זיך אלעס אויסבעטן און אז דער צדיק פועל'ט ישועות פאר אידן.

מיין כוונה איז געווען אז זיי זאלן זיך אויסבעטן ביי רבי שמעון, אבער אנקומענדיג צו די מערה האב איך געהערט ווי מיין קינד בעט ביי רבי שמעון אז איך זאל האבן א גרויסע קאר און אז מען זאל קענען פארן באקוועם און נישט דארפן זיין צושטופט.

עס האט מיר וויי געטון אז מיין קינד בעט אזעלכע זאכן אין אזא הייליגע פלאץ, אבער איך האב אים נישט געוואלט שטערן. נאך אלעמען קומט זיין תפילה ארויס פון א ריינע פלאץ, ער מיינט עס אמת'דיג און איך האב אים געלאזט אויסרעדן.

איך האב כמעט פארגעסן פון דער אינצידענט, אבער ווען איך האב זיך געגרייט אהיימצופארן פון מירון מוצאי שבת קודש נאכן מיטהאלטן א לעכטיגער שבת ביי רבי שמעון האב איך מיטגעלעבט אן אינטערעסאנטער זאך.

מיינע קאר שליסלעך איז געלעגן ביי מיין שווער. גרייטנדיג זיך אהיימצופארן האב איך אים געבעטן די שליסלעך. צו מיין וואונדער געבט ער מיר זיינע שליסלעך און ער זאגט מיר אז ער האט באשלאסן אז פון היינט און ווייטער איז עס מיין קאר.

"דו האסט שוין א גרויסע משפחה", האט ער צוגעלייגט און מיר איבערגעגעבן די שליסלעך.

דעמאלטס האב איך זיך דערמאנט פון מיין קינד'ס תפילה און איינגעזען אויף צוריקציוועגס אז יא, רבי שמעון הערט אויס די תפילה פון יעדן איינעם, אויך פון א קינד.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ב]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

זאגט רש"י: "אם בחוקתי תלכו. יכול זה קיום המצוות, כשהוא אומר 'ואת מצוותי תשמרו' הרי קיום המצוות אמור, הא מה אני מקיים 'אם בחוקתי תלכו' – שתהיו עמלים בתורה". דאס הייסט אז די ווערטער "אם בחוקותי תלכו" קומען צו זאגן, **אז מיר זאלן זיך פלאגן אין די הייליגע תורה.**

->•<-

**הרה"ק רבי שלמה זוועהילער זצוק"ל זי"ע**, גערופן מיט ליבשאפט רבי שלאָמקע, **וואס זיין יומא דהילולא געפאלט אינעם קומענדיגן מיטוואך, כ"ו** אייר, האט אמאל געבעטן פונעם באוואוסטן גאון רבי שמשון אהרן פּאָלאַנסקי זצוק"ל, טעפּליקער רב, אז ער זאל באשטימען מיט אים א לערן-סדר בחברותא יעדן טאג, **ווייל ער וויל דורכלערנען מיט אים בעיון עטליכע סימנים טור מיט שולחן-ערוך חושן משפט, אין א געווויסן ענין.**

דער טעפליקער רב האט גלייך צוגעשטימט, און די צוויי הייליגע צדיקים האבן זיך געזעצט לערנען צוזאמען טאג-טעגליך מיט גרויס עמל ויגיעה, אינעם בית המדרש וואס געפינט זיך אינעם "בית ישראל" געגנט אין ירושלים עיר הקודש.

איין טאג, אינדערצייט וואס זיי זענען געזעצן און געלערנט, איז זיי געלונגען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, קלארצומאכן א געוויסע שווערע סוגיא אין הלכה, וואס האט אין זיך אסאך שווערע טיילן, און נאכדעם וואס זיי האבן דורכגעטון דעם גאנצן סוגיא פון אלע זייטן, איז די סוגיא געווארן זייער קלאר און געשמאק, **עס איז ממש געווארן ליכטיג פאר די אויגן!**

פלוצלונג איז דער טעפליקער רב צוטרייסלט געווארן, און זיין געזיכט איז געווארן ווייס ווי די וואנט! זעענדיג דאס, האט אים זיין הייליגער חברותא, דער זוועהילער רבי, געפרעגט: וואס איז אייך? וואס איז געשען? פארוואס זענט איר פלוצלונג אזוי דערציטערט געווארן?

האט אים דער טעפליקער רב דערציילט, אז אזוי לערנענדיג האט ער זיך דערמאנט, אז מיט יארן פריער, איז געקומען צו אים, **אינעם בית דין אין די שטאט טעפליק, א שווערע דין-תורה וואס האט עוסק געווען ממש אינעם זעלבן סוגיא וואס זיי האבן יעצט קלארגעשטעלט**, נאר, ביי יענעם דין-תורה האט ער גע'פסק'נט פונקט פארקערט ווי דאס וואס עס איז זיי יעצט אויסגעקומען!

לויט דעם קומט אויס, האט דער טעפליקער רב אויסגעפירט, אז ער האט שולדיג געמאכט דער וואס איז געווען גערעכט, און גערעכט געמאכט דער וואס איז געווען שולדיג! און לויט דאס וואס זיי האבן יעצט קלארגעמאכט, וואלט דער פסק-דין געדארפט זיין פונקט פארקערט!

און אזוי רעדנדיג, האט דער טעפליקער רב אנגעהויבן צו וויינען און האבן גרויס צער אויפן טעות וואס ער האט דעמאלטס געמאכט, ביז פון גרויס צער איז ער אראפגעפאלן אויף דער ערד

**שתהיו עמלים בתורה**

"אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם" (כו, ג)

און גע'חלש'ט. אויך נאכדעם וואס מען האט אים אויפגעוועקט פון זיין חלשות, האט ער זיך נאכאלץ נישט געקענט בארואיגן, און ער האט גלייך אנגעהויבן נאכפרעגן און זיך אינטערעסירן ווער זענען געווען די מענטשן ביי יענעם דין-תורה, און וואו זיי געפינען זיך, כדי ער זאל קענען צוריקצאלן דאס געלט.

נאך אסאך ארבעט, איז געלונגען פאר די מקורבים פונעם טעפליקער רב, אויסצוטרעפן דעם נאמען פונעם מענטש, און די איינצלהייטן פון יענעם דין-תורה וואס איז פארגעקומען אינעם שטאט טעפליק מיט יארן פריער. אבער ווען זיי האבן פראבירט אויסצוגעפינען אינעם שטאט טעפליק וועגן דעם מענטש, האט מען זיי געזאגט אז מיט עטליכע יאר פריער האט ער זיך אוועקגעצויגן פון די שטאט, און איז געגאנגען וואוינען אין אַן אנדערע לאנד, **אבער קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער וואוינט יעצט.**

דער טעפליקער רב האט געהאט גרויס צער דערפון, און אין זיין ענגשאפט האט ער זיך געוואנדן צום זוועהילער רבי אז ער זאל אים געבן אן עצה וואס ער זאל טון. האט אים רבי שלאמקע געזאגט: **זארג זיך נישט, ער וועט נאך אהערקומען!**

הערנדיג די וואונדערליכע ענטפער פונעם רבי'ן, **האט דער טעפליקער רב צוגעגרייט דעם גאנצן סומע וואס ער האט יענעם בטעות געהייסן באצאלן**, און עס אריינגעלייגט ביי זיך אין טאש גרייט אין א פעקל, אז ער זאל עס שטענדיג האבן ביי זיך וואו ער וועט נאר אנקומען.

נישט מער ווי עטליכע וואכן שפעטער איז עס געשען. איין טאג, ווען דער טעפליקער רב איז ארויסגעגאנגען פון שול נאכן דאווענען מנחה, האט ער פלוצלונג באגעגנט דעם איד, וועלכער איז אויך געקומען דארטן דאווענען. דער איד האט זיך שטארק געפריידט צו טרעפן דעם חשוב'ן רב וועמען ער האט נאך גוט געדענקט פון די צייטן ווען ער האט דארט געוואוינט, און ער האט דערציילט פארן רב **אז ער וואוינט היינט אין א ווייטן ארט אין אמעריקע**, און יעצט איז ער געקומען אויף א קורצן באזוך אינעם הייליגן לאנד.

דער טעפליקער רב האט זיך שטארק געפריידט אים צו טרעפן, און האט אים געבעטן אז ער זאל קומען מיט אים אין א זייט, ווייל ער וויל עפעס רעדן מיט אים. איידעלערהייט האט ער אים דערמאנט פונעם דין-תורה וואס איז געווען אין טעפליק מיט יארן פריער.

דער איד האט שוין לאנג פארגעסן פונעם דין-תורה, אבער דער רב האט אים פונקטליך דערמאנט פון וואס עס רעדט זיך, און ער האט אים געזאגט, אז לעצטנס איז אים אויסגעקומען נאכאמאל גרונטליך דורכצולערנען יענעם ענין, און עס איז אויסגעקומען אז ער האט א טעות געהאט, און ער האט נישט געדארפט באצאלן. און אזוי רעדנדיג האט דער **רב ארויסגעצויגן פון טאש דעם פעקל געלט, און עס איבערגעגעבן פארן איד, וועלכער איז געבליבן ערשטוינט פונעם וואונדערליכן ערליכקייט און יַשְׁרוּת פונעם רב!**

א קורצע צייט נאך די מעשה, האט דער זוועהילער רבי געענדיגט לערנען מיטן טעפליקער רב, זאגנדיג אז זיי האבן שוין געענדיגט קלארמאכן דער ענין וואס ער האט געדארפט דורכלערנען... דער גרויסער גאון האט אבער גוט פארשטאנען, אז די גאנצע מטרה פון די חברותא איז נאר געווען, אז זיי זאלן אנקומען צו די מסקנא פונעם פארקערטן פסק אין יענעם דין-תורה, כדי ער זאל עס קענען פאררעכטן און צוריקגעבן דאס געלט.

און איך מוז זאגן דעם אמת, אז נישט ווייניגער ווי איך ווער נתפעל פונעם אפענעם מופת און געוואלדיגער רוח הקודש פון רבי שלאמקע זוועהילער זי"ע, וואס איז געווען באוואוסט אין ירושלים עיר הקודש, האב איך א געוואלדיגע התפעלות פון די געוואלדיגע יראת שמים פונעם טעפליקער רב, וואס ווען ער האט געכאפט אז ער האט א טעות געהאט אין די הלכה, איז ער אזוי דערציטערט געווארן אז ער האט גע'חלש'ט!

וויפיל מאל האבן מיר א טעות אין א הלכה, רחמנא ליצלן, און מען חלש'ט נישט...

[קובץ "כלליות" – שיחה 22, עמ' ק]

->•<-

מיט ארום הונדערט יאר צוריק, אין די הויפטשטאט ווין, עסטרייך, איז געווען זייער א קלוגע און געלונגענע אידישע מיידל, וואס האט זייער ליב געהאט צו זינגען און צו שפילן מוזיק. זעענדיג דאס, האבן אירע געטרייע עלטערן איר געשיקט לערנען די חכמת הנגינה צוזאמען מיט נאך אידישע מיידלעך אין שטאט, וועלכע האבן עס געלערנט אין א היימישע סביבה. **די מיידל האט זייער מצליח געווען, ביז זי האט זיך געענדיגט לערנען דעם פאך, און באקומען דעם אויסצייכענונג.**

ווען דער אויפזעער, וואס ער איז געווען פאראנטווארטליך פאר אלע גרופעס אין שטאט מטעם דעם ממשלה, האט דאס געזען, האט ער איר פארגעשלאגן א געוואלדיגע פארשלאג, אז זי זאל טראגן א שיינעם פאסטן פון זינגען אין דער

המשך אין עמוד ד' >|

צענטראלע ריזיגע אָפּעראַ אין ווין! **דאס וואלט געווען זייער א חשוב'ער פאסטן, מיט גאר א הויכן באצאלט!**

די חשוב'ע מיידל האט גלייך אפגעזאגט, און ערקלערט אז וויבאלד זי איז א אידיש קינד, קען זי נישט גיין ארבעטן אין אזא ארט וואס איז פול מיט אויסגעלאסענע גוים און מיט געפערליכע תערובת און פריצות. דער אויפזעער איז אבער נישט אראפגעגאנגען פון זיין פלאן. ער האט זיך געוואלט אויפטון פאר זיינע אויבער־האַרן אז די שילערינס זענען זייער מצליח!

ער האט אנגעהויבן איר צו איינרעדן, אז זי וועט קענען האבן א געוואלדיגע "קאריערע" וואס וועט איר מאכן זייער רייך און איר ברענגען אסאך כבוד. ווען זי האט אים נאכאמאל ערקלערט אז איר אידישן גלויבן ערלויבט דאס נישט, האט ער עס אוועקגעמאכט, ערקלערנדיג אז גארנישט וועט געשען אויב זי וועט אביסל פארגרינגערן פון צניעות און די מצוות פון די תורה, חס וחלילה. **ער האט גע'טענה'ט אז "לצורך פרנסה" און ארבעט איז אלעס מותר...**

דער אויפזעער האט איר איבערגערעדט איינמאל און נאכאמאל. אין אנהייב האט זי אינגאנצן אוועקגעמאכט זיינע ווערטער, און האט פון גארנישט געוואלט הערן! **וואס האט דען א אידישע טאכטער צו זוכן אין א גוי'אישע זינג־הויז?** אבער נאכדעם וואס ער האט איר אזויפיל מאל צוגערעדט צו דעם, האט זי אנגעהויבן טראכטן ערנסטער פון דעם. און נאך א לענגערע שטיק צייט, און פילצאליגע הבטחות פונעם אויפזעער, האט זי אנגענומען זיין הצעה.

זי האט געלאזט וויסן אירע עלטערן איבער איר באשלוס, און זי האט זיי ערקלערט אז זי קען בשום אופן נישט מוותר זיין אויף אזא גאלדענע געלעגנהייט! זי האט אויך געקויפט קליידער וואס זענען פאסיג צום גוי'אישן סביבה, און זי האט באשלאסן אז זי איז מוותר אויף איר אידישקייט און זי גייט פארקויפן איר נשמה, רחמנא ליצלן.

אירע עלטערן זענען אויפאמאל אומגליקליך געווארן. זיי האבן זיך גענומען וויינען און קלאגן מיט א צובראכן הארץ. וויבאלד זיי זענען געווען א חשוב'ע משפחה, האבן זיי נישט געקענט פארטראגן אפילו צו טראכטן אז זייער טאכטער וועט טון אזא שרעקליכע זאך. זיי האבן פראבירט אפרעדן זייער טאכטער דערפון, אבער גארנישט האט געהאלפן. אפילו ווען זיי האבן געבעטן דעם רב פון שטאט אז ער זאל איר פראבירן אפרעדן פון איר פלאן, איז עס אים נישט געלונגען. זי איז געווען **פעסט באשלאסן** אז זי גייט ווערן א זינגערין, און האט שוין אונטערגעשריבן אויפן אפמאך צו גיין ארבעטן פאר די שטאטישע אפערא־הויז.

אין יענע תקופה, האט זיך אויפגעהאלטן אין ווין, דער אלטער רבי פון קאַפּיטשניץ זצוק"ל, וואס איז אנטלאפן קיין ווין אין די צייטן פונעם ערשטן וועלט־מלחמה, אזוי ווי די אנדערע אייניקלעך פונעם הייליגן רוזשינער זי"ע.

איינער פון די קרובים פונעם מיידל, וועלכער האט גוט געקענט דעם רבי'ן און געוואוסט פון זיין געוואלדיגן ערליכקייט, האט מציע געווען פאר אידע משפחה, אז זיי זאלן ברענגען די מיידל צום רבי'ן. ווען די עלטערן זענען געקומען צום רבי'ן מיט זייער טאכטער, און אים ערקלערט פון וואס עס רעדט זיך, האט דער רבי זיך געווענדן צו איר און געזאגט:

דער עיקר מטרה איז דאך ווען א "קאריערע" וואס טראגט מיט זיך אסאך כבוד און רייכקייט, אבער פון די אנדערע זייט איז דאך די געוואלדיגע רצון און תשוקה פון יעדע אידישע מאמע, אז זי זאל האבן נחת פון אירע קינדער! דעריבער, געב איך דיר א הבטחה, אז אויב וועסטו אפלאזן דיין שלעכטן פלאן, וועסטו זוכה זיין בזכות דעם צו א זון וואס וועט זיין א גדול בתורה, און וועט באלייכטן גאנץ כלל ישראל מיט זיין תורה!

די ווערטער פונעם צדיק, וואס זענען געזאגט געווארן פון טיפענישן פון הארץ, האבן געטראפן זייער וועג צו די טיפענישן פון איר הארץ. די מיידל האט געפאלגט דעם רבי'ן, און צוריסן דעם אפמאך מיטן זינג־הויז. **זי האט מוותר געווען אויפן גאנצן כבוד און רייכקייט, פאר די זכיה צו האבן א זון וואס וועט באלייכטן כלל ישראל!**

דער באוואוסטער גאון און צדיק, רבי דן סג"ל שליט"א, איז אמאל געווען צוגאסט אין די שטאט ווין, וואו ער האט געהערט די מעשה. לויט עטליכע איינצלהייטן וואס ער איז דארט געוואויר געווארן, און פארשידענע חשבונות וואס ער האט געמאכט לויט דער סדר פון די יארן, איז אים קלאר געווארן אז עס רעדט זיך פון די מאמע פון מרן פוסק הדור הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער זצוק"ל, גאב"ד זכרון מאיר בני ברק, בעל "שבט הלוי".

ווען ער האט שפעטער באזוכט ביי להבחל"ח הרב וואזנר זצוק"ל, האט ער אים געפרעגט איבער די מעשה וואס ער האט געהערט ווען ער איז געווען אין ווין. האט דער רב אים געזאגט אז די מעשה איז ריכטיג, און ער האט צוגעגעבן, אז ווען ער איז געווען א קינד, פלעגט אים זיין מאמע אלעמאל אונטערהאלטן צום לערנען תורה, זאגנדיג: **דו מוזט אויסוואקן א "גדול בישראל" – אזוי ווי דער קאפיטשניצער רבי האט מיר מבטיח געווען – ווייל איך האב דאך מפקיר געווען מיין גאנצן רייכן קאריערע נאר וועגן דיר!...**

און יעצט, לאמיר זיך באטראכטן, ווי גרויס איז דער שכר פארן ביישטיין דעם שווערן נסיון, אז זי האט זוכה געווען דערפאר צו א זון וואס האט באלויכטן דעם דור פאר אזויפיל יארן, דערלעבנדיג א הויכן טיפן עלטער פון הונדערט יאר, נאכן האבן זוכה געווען ארויסצוגעבן אזויפיל פסקי־הלכה פאר כלל ישראל, וואס באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער ביזן היינטיגן טאג, און האבנדיג זוכה געווען אויפצושטעלן פילע תלמידים וואס זענען אליין גרויסע רבנים מורי הוראה. זכר צדיק וקדוש לברכה.

[טיב המועדים – פסח]




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל־פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173